ב"ה

אויף אידיש

# זוהר הקדוש מיטן פירוש מתוק מדבש אויף די פרשה

יו"ל בעזהשי"ת ע"י מרכז "מתוק מדבש" ת.ד. 5315 ירושלים

מתוק מדבש

עלון מס' 6

פרשת חיי שרה תשפ"א

**לוח עמוד היומי בזוה"ק לפרשת תולדות**

פרשת נח

| יום | ווילנא | מתוק מדבש |
|---|---|---|
| ראשון | עא ע"ב | קלז |
| שני | עב ע"א | קמה |
| שלישי | עב ע"ב | קנ |
| רביעי | עג ע"א | קנו |
| חמישי | עג ע"ב | קסב |
| שישי | עד ע"א | קסח |
| שב"ק | עד ע"ב, עה ע"א | קעד |

## טעמי האיסור להאריך באלף דאחד בקריאת שמע

**וַיִּהְיוּ חַיֵּי שָׂרָה** פירוש **דְּזָכְתָה בְּהוּ בְּכֻלְּהוּ** שזכתה ועשתה מצות ומעשים טובים בכל ימי חייה, **וְלָא כְּתִיב בְּכֻלְּהוּ נְשֵׁי וַיִּהְיוּ חַיֵּי חַוָּה** ולא כתוב בכל הנשים לשון ויהיו חיי חוה, **וְכֵן בְּכֹלָּא** וכן בכל שאר הנשים לא כתוב בהן ויהיו חיי פלונית, **הִיא אִתְדַּבְּקַת בְּחַיִּין** לפי שהיא נתדבקה בחיים עליונים, **וְעַל דָּא דִילָהּ הֲווֹ חַיִּין** ועל כן החיים שלה היו חיים אמתיים.

**זַכָּאָה אִיהוּ מַאן דְּאַזְעִיר גַּרְמֵיהּ בְּהַאי עָלְמָא** אשרי לו למי שמקטין עצמו בזה העולם, **כַּמָּה אִיהוּ רַב וְעִלָּאָה בְּהַהוּא עָלְמָא** שעי"ז כמה הוא גדול ורם בעולם העליון, **וְהָכִי פָּתַח רַב מְתִיבְתָּא** וכך פתח ואמר הראש ישיבה, **מַאן דְּאִיהוּ זְעֵיר אִיהוּ רַב** מי שמקטין עצמו בעוה"ז הוא גדול בעולם העליון, **מַאן דְּאִיהוּ רַב אִיהוּ זְעֵיר** מי שמחזיק עצמו לגדול בעוה"ז הוא נחשב לקטן בעולם העליון, ונרמז ענין זה במה **דִּכְתִיב וַיִּהְיוּ חַיֵּי שָׂרָה וְגוֹ'** פירוש **מֵאָה דְּאִיהוּ חוּשְׁבַּן רַב** מאה שהוא חשבון גדול **כְּתִיב בֵּיהּ שָׁנָה, זְעִירוּ דְּשְׁנִין חַד אַזְעִיר לֵיהּ** למיעוט של שנה אחת המעיט אותו, **שֶׁבַע דְּאִיהוּ חוּשְׁבַּן זְעִיר** שבע שהוא חשבון קטן, **אַסְגֵּי לֵיהּ וְרַבֵּי לֵיהּ דִּכְתִיב שָׁנִים** הגדיל והרבה אותו דכתיב שנים לשון רבים, **תָּא חֲזֵי דְּלָא רַבֵּי קֻדְשָׁא בְּרִיךְ הוּא אֶלָּא לְדְאַזְעִיר** בא וראה שלא הגדיל הקב"ה אלא למי שהמעיט עצמו, **וְלָא אַזְעִיר אֶלָּא לְדְרַבֵּי** ולא הקטין אלא למי שהגדיל עצמו, **זַכָּאָה אִיהוּ מַאן דְּאַזְעִיר גַּרְמֵיהּ בְּהַאי עָלְמָא** אשרי למי שמקטין עצמו בעוה"ז, **כַּמָּה אִיהוּ רַב בְּעִלּוּיָא לְהַהוּא עָלְמָא** ועי"ז כמה הוא גדול במעלה לעולם הבא, ע"כ. (מפרסים)

ע"ט

## די טַעֲמִים פוּנֶעם אִיסוּר אוֹיסְצוּצִיעֶן דֶעם אַלֶף פוּן אֶחָד בַּיי קְרִיאַת שְׁמַע

**עֶס** שְׁטֵייט אִין פָּסוּק "וַיִּהְיוּ חַיֵּי שָׂרָה", דָאס הֵייסְט אַז זִי הָאט זוֹכֶה גֶעוֶוען אוּן גֶעטוּן מִצְוֹות אוּן מַעֲשִׂים טוֹבִים אַלֶע טֶעג פוּן אִיר לֶעבְּן, אָבֶער בַּיי אַנְדֶערֶע פְרוֹיעֶן שְׁטֵייט נִישְׁט אַזַא לָשׁוֹן, וַיִּהְיוּ חַיֵּי חַוָּה, אוּן אַזוֹי אוֹיךְ בַּיי דִי אַנְדֶערֶע פְרוֹיעֶן שְׁטֵייט נִישְׁט וַיִּהְיוּ חַיֵּי פְּלוֹנִית, דָאס אִיז וַוייל זִי הָאט זִיךְ בַּאהָאפְּטְן אִין דִי חַיִּים עֶלְיוֹנִים, אוּן דֶערִיבֶּער אִיז אִיר לֶעבְּן גֶעוֶוען אַן אֶמֶת'ע לֶעבְּן.

**ווּאוֹיל** אִיז דֶער וועלְכֶער מַאכְט זִיךְ קְלֵיין אוֹיף דֶער וֶועלְט, וַוייל דוּרְכְדֶעם אִיז עֶר אַזוֹי גְרוֹיס אוּן דֶערְהוֹיבְּן אוֹיף יֶענֶער וֶועלְט, אוּן אַזוֹי הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן אוּן גֶעזָאגְט דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה, וֶוער עֶס מַאכְט זִיךְ קְלֵיין אוֹיף דֶער וֶועלְט דֶער אִיז גְרוֹיס אִינֶעם עוֹלָם הָעֶלְיוֹן, וֶוער עֶס הַאלְט זִיךְ גְרוֹיס אוֹיף דֶער וֶועלְט דֶער וֶוערְט גֶערֶעכְנְט אַלְס קְלֵיין אוֹיפְן עוֹלָם הָעֶלְיוֹן, אוּן דָאס אִיז מְרוּמָז אִין דֶעם וָואס עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק "וַיִּהְיוּ חַיֵּי שָׂרָה", דָאס הֵייסְט אַז אוֹיף הוּנְדֶערְט וֶועלְכֶער אִיז אַ גְרוֹיסְן חֶשְׁבּוֹן, שְׁטֵייט דֶערוֹיף "שָׁנָה", אַ יָאר, דֶער פָּסוּק הָאט אִים קְלֵיין גֶעמַאכְט צוּ דָאס וֵוייניגְסְטֶע וָואס דָאס אִיז אֵיין יָאר, אוּן זִיבְּן וֶועלְכֶער אִיז אַ קְלֵיין חֶשְׁבּוֹן, הָאט עֶס דֶער פָּסוּק גְרוֹיס גֶעמַאכְט אוּן פַארְמֶערְט וַוייל עֶס שְׁטֵייט דֶערְבַּיי "שָׁנִים" בִּלְשׁוֹן רַבִּים, קוּם אוּן זֶע אַז דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער הָאט נָאר גְרוֹיס גֶעמַאכְט דֶעם וֶועלְכֶער מַאכְט זִיךְ קְלֵיין, אוּן עֶר הָאט נָאר קְלֵיין גֶעמַאכְט דֶעם וֶועלְכֶער הַאלְט זִיךְ גְרוֹיס, ווּאוֹיל אִיז דֶער וֶועלְכֶער מַאכְט זִיךְ קְלֵיין אוֹיף דֶער וֶועלְט, אוּן דוּרְכְדֶעם אִיז עֶר אַזוֹי גְרוֹיס אִין זַיין מַדְרֵיגָה אוֹיף יֶענֶער וֶועלְט.

**מַאן דְּפָסִק יִתְפַּסַּק** מי שפסק יהיה נפסק, וביאור הדברים הוא להלן, **מַאן דְּקָצַר יִתְקַצַּר** מי שקיצר יתקצר, **מַאן דְּקָצַר יִתְאָרַךְ** מי שקיצר יתארך, ומפרש **רְצוֹנוֹ לוֹמַר מַאן דְּפָסַק מִלִּין דְּאוֹרַיְיתָא עַל מִלִּין בְּטֵלִין יִתְפַּסְקוּן חַיּוֹהִי מֵהַאי עָלְמָא** מי שפוסק מדברי תורה לדבר דברים בטלים יהיו חייו נפסקים מזה העולם, **וְדִינֵיהּ קָיְימָא בְּהַהוּא עָלְמָא** ודינו קיים עדיין לדון ולענוש אותו בעולם העליון, **מַאן דְּקָצַר אָמֵן וְלָא מַאֲרִיךְ גּוֹ נַיְיחָא יִתְקַצַּר מֵחַיִּין דְּהַאי עָלְמָא** מי שמקצר בעניית אמן פי׳ שאומר אמן חטופה וקטופה ולא מאריך בו לאמרו בנחת, יתקצר מחייו של עולם הזה, כי צריך לענות אמן בנעימה ובמתיקות, **מַאן דְּאָמַר אֶחָד אִצְטְרִיךְ לְחָטְפָא אָלֶ״ף וּלְקַצֵּר קְרִיאָה דִילֵיהּ וְלָא יְעַכֵּב בְּהַאי אוֹת כְּלָל** ומי שאומר אחד דקריאת שמע צריך לחטוף באות א׳ ולקצר קריאה שלה ולא יתעכב באות זו כלל, כדי שלא ישמע כאילו אומר אי חד ח״ו, ולפי הסוד, א׳ דאחד מורה על אחדות אין סוף ב״ה, ושם אין שום השגה ולא התבוננות, כי לית מחשבה תפיסא ביה כלל, ולכן אסור להאריך ולהתבונן בה, **וּמַאן דְּיַעֲבִיד דָּא יִתְאָרְכוּן חַיּוֹהִי** ומי שיעשה כן יאריך ימים בעולם הזה.

(דף קכב ע״ב בתוספתא, ובביאורינו כרך ג עמ׳ יא-יג)

## הנשמה דואגת ונעשית אפטרופוס ללמד זכות על הגוף

**רִבִּי יוֹסֵי בֶּן רַבִּי יְהוּדָה, אָזִיל לְמֵיחֱמֵי לְרַבִּי חִיָּיא** ר״י הלך לראות ולבקר את ר׳ חייא, **אָמַר לֵיהּ לֵימָא מַר** אמר לו ר״י לר״ח יאמר לי מורי, **אִי שָׁמַע הַאי פַּרְשָׁתָא הֵיךְ אָמְרוּ מָארֵי מַתְנִיתָא** אם שמע ביאור פרשה זו של עניני אברהם ושרה איך פירשו בה בעלי המשנה, **דְּפֵרְשׁוּהָ בְּעִנְיָינָא דְּנִשְׁמָתָא** שפירשוה בעניני הנשמה, **אָמַר זַכָּאָה חוּלָקֵיהוֹן דְּצַדִּיקַיָּא בְּעָלְמָא דְּאָתֵי** אמר רבי חייא לרבי יוסי אשרי חלקיהם של הצדיקים בעולם הבא, **דְּכָךְ הִיא אוֹרַיְיתָא בְּלִבְּהוֹן כְּמַבּוּעָא רַבָּא דְּמַיָּא** שכך היא התורה בלבם כמעיין גדול של מים, **דְּאַף עַל גַּב דְּמַסְתִּימִין לֵיהּ** שאעפ״י שסותמים אותו, **מִסְּגִיאוּת מַיָּיא פָּתְחֵי מַבּוּעִין דְּנָבְעִין לְכָל עֵיבַר** אבל מרבוי המים נפתחים שוב המעינות ונובעים לכל צד. **תָּא שְׁמַע רַבִּי יוֹסֵי רְחִימָא אַתְּ** בא ושמע ר׳ יוסי שחביב אתה לי, **אֲנָא אֵימָא לָךְ בְּהַאי פָּרְשָׁתָא**

ע״ט

**וֶוער** עֶס הָאט אָפְּגֶעהַאקְט דֶער וֶועט אָפְּגֶעהַאקְט וֶוערְן, אַזוֹי וִוי עֶס וֶועט בַּאלְד עֶרְקְלֶערְט וֶוערְן, וֶוער עֶס הָאט קוּרְץ גֶעמַאכְט דֶער וֶועט וֶוערְן גֶעמַאכְט קוּרְץ, וֶוער עֶס הָאט קוּרְץ גֶעמַאכְט דֶער וֶועט וֶוערְן גֶעמַאכְט לַאנְג, דָאס מֵיינְט, וֶוער עֶס הָאט אָפְּגֶעהַאקְט דִי וֶוערְטֶער פוּן דִי תּוֹרָה כְּדֵי צוּ רֶעדְן דְּבָרִים בְּטֵלִים, וֶועט זַיין לֶעבְּן אָפְּגֶעהַאקְט גֶעוָוארְן פוּן דֶער וֶועלְט, אוּן זַיין דִין בְּלַייבְּט נָאךְ אַז עֶר זָאל וֶוערְן גֶע׳מִשְׁפָּט אוּן בַּאשְׁטְרָאפְט אוֹיפְן עוֹלָם הָעֶלְיוֹן, וֶוער עֶס אִיז מְקַצֵּר בַּיים עֶנְטְפֶערְן אָמֵן, דָאס הֵייסְט אַז עֶר עֶנְטְפֶערְט אַן אָפְּגֶעכַאפְּטֶע אָדֶער אָפְּגֶעהַאקְטֶע אָמֵן אוּן אִיז נִישְׁט מַאֲרִיךְ עֶס צוּ זָאגְן גֶעלַאסְן, וֶועט קוּרְץ וֶוערְן פוּן זַיין לֶעבְּן אוֹיף דֶער וֶועלְט, וַוייל מֶען דַארְף עֶנְטְפֶערְן אָמֵן גֶעשְׁמַאק אוּן מִיט זִיסְקֵייט, אוּן וֶוער עֶס זָאגְט ״אֶחָד״ פוּן קְרִיאַת שְׁמַע דַארְף אָפְּכַאפְּן דֶעם אוֹת אַלֶף אוּן עֶס זָאגְן קוּרְץ אוּן זִיךְ אִיבֶּערְהוֹיפְּט נִישְׁט אוֹיפְהַאלְטְן בַּיי דֶעם אוֹת, כְּדֵי עֶס זָאל זִיךְ חָלִילָה נִישְׁט הֶערְן וִוי עֶר זָאגְט אֵי חַד, אוּן עַל פִּי סוֹד מֵיינְט עֶס וִויבַּאלְד דֶער אַלֶף פוּן אֶחָד וַוייזְט אוֹיפְן אֵיינְצִיגְקֵייט פוּנֶעם אוֹיבֶּערְשְׁטְן, אוּן דָארְט אִיז נִישְׁטָא קַיין שׁוּם הַשָּׂגָה אוּן קַיין שׁוּם אַרַיינְטְרַאכְטְן, וַוייל קַיין שׁוּם מַחֲשָׁבָה קֶען אִים נִישְׁט בַּאגְרֵייפְן, דֶערִיבֶּער טָאר מֶען דָארְט נִישְׁט אוֹיסְצִיעֶן אָדֶער אַרַיינְטְרַאכְטְן, אוּן וֶוער עֶס וֶועט זִיךְ אַזוֹי פִירְן וֶועט מֶען אִים פַארְלֶענְגֶערְן זַיינֶע טֶעג אוֹיף דֶער וֶועלְט.

### *דִי נְשָׁמָה זָארְגְט אוּן וֶוערְט אַן אַפּוֹטְרוֹפּוֹס צוּ מְלַמֵּד זְכוּת זַיין אוֹיפְן גוּף

**רַבִּי** יוֹסֵי דֶער זוּן פוּן רַבִּי יְהוּדָה אִיז גֶעגַאנְגֶען זֶען אוּן בַּאזוּכְן רַבִּי חִיָּיא, הָאט רַבִּי יוֹסֵי גֶעזָאגְט צוּ רַבִּי חִיָּיא, זָאל מִיר מַיין הַאר זָאגְן, צִי עֶר הָאט גֶעהֶערְט אַן עֶרְקְלֶערוּנְג אִיבֶּער דִי פַּרְשָׁה פוּן דִי עִנְיָנִים פוּן אַבְרָהָם אוּן שָׂרָה, וִויאַזוֹי דִי בַּעֲלֵי הַמִּשְׁנָה הָאבְּן עֶס עֶרְקְלֶערְט, וָואס זֵיי הָאבְּן עֶס גֶעגֶעבְּן צוּ פַארְשְׁטֵיין אִין דִי עִנְיָנִים פוּן דִי נְשָׁמָה, הָאט רַבִּי חִיָּיא גֶעזָאגְט צוּ רַבִּי יוֹסֵי, וואוֹיל אִיז דֶער טֵייל פוּן דִי צַדִּיקִים אִין עוֹלָם הַבָּא, וָואס דִי תּוֹרָה אִיז אִין זֵייעֶר הַארְץ אַזוֹי וִוי אַ גְרוֹיסְן קְוַואל וַואסֶער, וָואס אֲפִילוּ מֶען פַארְשְׁטָאפְּט עֶס, פוּנְדֶעסְטְוֶועגְן וִויבַּאלְד דִי וַואסֶער אִיז אַזוֹיפִיל, וֶוערְן דִי קְוֶועלֶער צוּרִיק גֶעעֶפְנְט אוּן זֵיי פְלִיסְן אוֹיף יֶעדְן זַייט. קוּם אוּן הֶער רַבִּי יוֹסֵי וָואס דוּ בִּיסְט בַּאלִיבְּט בַּיי מִיר, אִיךְ וֶועל דִיר זָאגְן אַ זַאךְ אִין דֶעם

אני אומר לך דבר בפרשה זו, והוא כי **לְעוֹלָם אֵין גּוּף הָאָדָם** אחר הסתלקותו מן העולם **נִכְנָס בְּחֶשְׁבּוֹן הַצַּדִּיקִים עַל יַד דּוּמָה, עַד שֶׁתַּרְאֶה** לו **הַנְּשָׁמָה פִּנְקָס סִימָנָהּ, שֶׁנּוֹתְנִין לָהּ הַכְּרוּבִים בְּגַן עֵדֶן. אָמַר רַבִּי יוֹסֵי, אֲנָא שְׁמַעְנָא, דְּהָא נִשְׁמְתָא בָּתַר דְּעָיְילַת תַּמָּן** אני שמעתי כי הנשמה אחר שנכנסה כבר בג"ע התחתון, **הִיא אָזְלַת לְסָלְקָא לְאַתְרָהּ לְעֵילָּא** היא הולכת לעלות למקומה למעלה לג"ע העליון, **וְלָא לְמֵיחַת לְתַתָּא** ואין רצונה כבר לרדת למטה, **אֲבָל קוֹדֶם שֶׁתַּעֲלֶה וְתִכָּנֵס** בג"ע, **נַעֲשֵׂית אַפַּטְרוֹפּוֹס הַגּוּף עַל יַד דּוּמָה** ללמד זכות על הגוף, **וּמַרְאָה לוֹ** לדומה **שֶׁרָאוּי הוּא** הגוף **לְקַבֵּל שָׂכָר אַרְבַּע מֵאוֹת עוֹלָמוֹת** שהם עלמין דכסופין כדלקמן, ופי' עולמות, אורות נעלמים שהגוף יהנה מהם לעולם הבא, **אָמַר רַבִּי חִיָּיא, הָא רַבִּי אֶלְעָזָר אָמַר, דְּהָא דּוּמָה יָדַע** שהגוף ראוי לקבל ת' עלמין דכסופין, **קוֹדֶם** שהנשמה מראה לו סימן, **מִשּׁוּם דְּמַכְרְזֵי עֲלָהּ בְּגִנְּתָא דְעֵדֶן** משום שמכריזים על הנשמה בג"ע, **אֲבָל אֲנָא כָּךְ שָׁמַעְנָא** אבל אני כך שמעתי, **דִּי בְּעִדָּנָא דְיָהֲבִין לָהּ פִּנְקָסָא חָזַר עַל גּוּפָא לְאָעֵיל לֵיהּ בְּפִתְקָא דְצַדִּיקַיָּא עַל יְדוֹי דְּדוּמָה** כי בשעה שנותנים להנשמה פנקס היא חוזרת ומשתדלת עבור הגוף שיכניסו אותו ע"י דומה בכתב של הצדיקים שבו כתובים אותם שיקומו בתחיית המתים, ועתה חוזר לבאר רבי יוסי ואמר **הָדָא הוּא דִכְתִיב אַךְ אִם אַתָּה לוּ שְׁמָעֵנִי, נָתַתִּי כֶּסֶף הַשָּׂדֶה קַח מִמֶּנִּי** ושואל **מַהוּ כֶּסֶף הַשָּׂדֶה** ומפרש **דָּא הוּא כִּסּוּפָא דְאַרְבַּע מֵאוֹת עָלְמִין דְיָהֲבִין לֵיהּ לְאַחְסָנָא** זהו ארבע מאות עולמות חשוקים וחמודים שנותנים להגוף לרשת להנות מהם לעולם הבא, ור"ל שאברהם הרומז על הנשמה משתדל בענין ארבע מאות שקל כסף שהם הארבע מאות עלמין דכסופין לצורך שדה הרומז על הגוף.

**רַב יוֹסֵף כַּד הֲוָה שָׁמַע פָּרְשָׁתָא דָא מִמָּארֵיהוֹן דְּמְתִיבְתָּא** ר"י כששמע פירוש פרשה זו מבעלי הישיבה, והיינו פירוש הנ"ל, **הֲוָה אָמַר מַאן דְּאִיהוּ עַפְרָא מַאי קָא זָכֵי לְהַאי** היה אומר מי שהוא עפר איך יזכה לזה התענוג של ארבע מאות עלמין דכסופין, **מַאן יִזְכֶּה וּמַאן יָקוּם** מי יזכה ומי יקום להנות באותם העולמות, **הָדָא הוּא דִכְתִיב מִי יַעֲלֶה בְּהַר ה'** ומי יקום במקום קדשו, דהיינו בעולמות הכסופים, ר"ל שצריכים לזכיות כדי לזכות לכך. **אָמַר רַבִּי**

ע"ט

פַּרְשָׁה, און דָאס אִיז, אַז דֶער קֶערְפֶּער פוּנֶעם מֶענְטְש, נָאכְדֶעם וָואס עֶר גֵייט אַוֶועק פוּן דֶער וֶועלְט, גֵייט עֶר נָאכְנִישְׁט אַרַיין אִינֶעם חֶשְׁבּוֹן פוּן דִי צַדִּיקִים דוּרְכְן מַלְאָךְ דוּמָה, בִּיז דִי נְשָׁמָה וַוייזְט אִים אִיר בּוּךְ אַלְס סִימָן, וָואס דִי "כְּרוּבִים" מַלְאָכִים גֶעבְּן אִיר אִין גַּן עֵדֶן. הָאט רַבִּי יוֹסֵי גֶעזָאגְט, אִיךְ הָאבּ גֶעהֶערְט אַז דִי נְשָׁמָה, נָאכְדֶעם וָואס זִי אִיז שׁוֹין אַרַיינְגֶעגַאנְגֶען אִינֶעם אוּנְטֶערְשְׁטְן גַּן עֵדֶן, גֵייט זִי אַרוֹיף צוּ אִיר אָרְט אוֹיבְן אִינֶעם אוֹיבֶּערְשְׁטְן גַּן עֵדֶן, און זִי ווִיל שׁוֹין נִישְׁט אַרָאפְּגֵיין אוּנְטְן, אָבֶער אֵיידֶער זִי גֵייט אַרוֹיף אוֹיבְן און זִי גֵייט אַרַיין אִין גַּן עֵדֶן, וֶוערְט זִי אַן אַפּוֹטְרוֹפּוֹס פַאְרן גוּף נֶעבְּן דוּמָה, צוּ מְלַמֵּד זְכוּת זַיין אוֹיפְן גוּף, און זִי וַוייזְט דוּמָה אַז דֶער גוּף אִיז וֶוערְד צוּ בַּאקוּמֶען שְׂכַר פִיר הוּנְדֶערְט עוֹלָמוֹת וָואס זֵיי זֶענֶען דִי עָלְמִין דְּכִסּוּפִין, אַזוֹי ווִי עֶס וֶועט וַוייטֶער עֶרְקְלֶערְט וֶוערְן, און עוֹלָמוֹת מֵיינְט מֶען דָא, פַארְהוֹילֶענֶע אוֹרוֹת וָואס דֶער גוּף וֶועט גֶענִיסְן פוּן זֵיי אוֹיף עוֹלָם הַבָּא, הָאט רַבִּי חִיָּיא גֶעזָאגְט, רַבִּי אֶלְעָזָר הָאט דָאס גֶעזָאגְט, אַז דוּמָה וֵוייסְט דָאךְ אַז דֶער גוּף אִיז וֶוערְד צוּ בַּאקוּמֶען דִי פִיר הוּנְדֶערְט עָלְמִין דְּכִסּוּפִין, אֵיידֶער דִי נְשָׁמָה וַוייזְט אִים אַ סִימָן, וְוִיבַּאלְד מֶען טוּט אוֹיסְרוּפְן אוֹיף דִי נְשָׁמָה אִין גַּן עֵדֶן, נָאר אִיךְ הָאבּ אַזוֹי גֶעהֶערְט, אַז אִינְדֶערְצַייט וָואס מֶען גֶעבְּט צוּ דִי נְשָׁמָה דֶעם בּוּךְ טוּט זִי וַוייטֶער מִשְׁתַּדֵּל זַיין פַאְרן גוּף אַז מֶען זָאל אִים אַרַיינְנֶעמֶען דוּרְךְ דוּמָה אִינֶעם שְׁרִיפְט פוּן דִי צַדִּיקִים וואוּ עֶס שְׁטֵייעֶן דִי וֶועלְכֶע וֶועלְן אוֹיפְשְׁטֵיין בַּיי תְּחִיַּית הַמֵּתִים, יֶעצְט גֵייט רַבִּי יוֹסֵי צוּרִיק, צוּ עֶרְקְלֶערְן דִי פַּרְשָׁה, און עֶר זָאגְט, דָאס זָאגְט דֶער פָּסוּק "אַךְ אִם אַתָּה לוּ שְׁמָעֵנִי, נָתַתִּי כֶּסֶף הַשָּׂדֶה קַח מִמֶּנִּי", דָאס מֵיינְט צוּ זָאגְן, דָאס זֶענֶען דִי פִיר הוּנְדֶערְט אוֹיסְגֶעוַוארְטֶע און גְלוּסְטִיגֶע וֶועלְטְן וָואס מֶען גֶעבְּט פַאְרן גוּף צוּ יַרְשֶׁ'נֶען און גֶענִיסְן פוּן זֵיי אוֹיף דֶעם עוֹלָם הַבָּא, און דָאס מֵיינְט צוּ זָאגְן אַז אַבְרָהָם וֶועלְכֶער אִיז מְרַמֵּז אוֹיף דִי נְשָׁמָה, אִיז זִיךְ מִשְׁתַּדֵּל פַאר דִי פִיר הוּנְדֶערְט שֶׁקֶל וָואס זֵיי זֶענֶען דִי פִיר הוּנְדֶערְט עָלְמִין דְּכִסּוּפִין, פַאְרן שָׂדֶה-פֶעלְד וָואס אִיז מְרַמֵּז אוֹיפְן גוּף.

**וֶוען** רַב יוֹסֵף הָאט גֶעהֶערְט דֶעם עֶרְקְלֶערוּנְג פוּן דִי פַּרְשָׁה פוּן דִי בַּעֲלֵי הַיְשִׁיבָה, דָאס מֵיינְט מֶען דֶעם אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְטְן עֶרְקְלֶערוּנְג, הָאט עֶר גֶעזָאגְט, וֶוער עֶס אִיז עֶרְד, וִויאַזוֹי וֶועט עֶר זוֹכֶה זַיין צוּ דֶעם פַארְגֶענִיגְן פוּן דִי פִיר הוּנְדֶערְט עָלְמִין דְּכִסּוּפִין, וֶוער וֶועט זוֹכֶה זַיין און וֶוער אוֹיפְשְׁטֵיין צוּ גֶענִיסְן פוּן אַט דִי עוֹלָמוֹת, דָאס זָאגְט דֶער פָּסוּק "מִי יַעֲלֶה בְּהַר ה' וּמִי יָקוּם בִּמְקוֹם קָדְשׁוֹ", דָאס מֵיינְט מֶען אִין דִי עָלְמִין דְּכִסּוּפִין, דָאס הֵייסְט אַז מֶען מוּז הָאבְּן זְכוּתִים כְּדֵי זוֹכֶה צוּ זַיין דֶערְצוּ. הָאט רַבִּי אַבָּא

אַבָּא, תָּא חֲזֵי מַאי דִּכְתִיב, וַיִּשְׁמַע אַבְרָהָם אֶל עֶפְרוֹן, וַיִּשְׁקֹל אַבְרָהָם לְעֶפְרוֹן אֶת הַכֶּסֶף פירוש דָּא הוּא כִּסּוּפָא רַבְּתָא דְּאִינּוּן עָלְמִין וְכִסּוּפִין זה הוא חמדה הגדולה ותענוג הגדול של אותם העולמות הנחמדים, אַרְבַּע מֵאוֹת שֶׁקֶל כֶּסֶף פירוש אַרְבַּע מֵאוֹת עוֹלָמוֹת וַהֲנָאוֹת וְכִסּוּפִין. ומש"כ עֹבֵר לַסֹּחֵר פירושו רַב נַחְמָן אָמַר, שֶׁיַּעֲבוֹר זה הצדיק כָּל שַׁעֲרֵי שָׁמַיִם וִירוּשָׁלַיִם שֶׁל מַעְלָה וְאֵין מוֹחֶה בְּיָדֵיהּ (ה"ג), תָּא חֲזֵי מַה כְּתִיב, וְאַחֲרֵי כֵן קָבַר אַבְרָהָם שהוא הנשמה אֶת שָׂרָה אִשְׁתּוֹ פירוש את הגוף הנקרא שרה, והיינו כדברי ר"ח שהנשמה דואגת שהגוף יהיה וְנִמְנֶה עִם שְׁאָר הַצַּדִּיקִים בַּחֲבוּרָתָם, מִפִּתְקָא דִּמְמַנָּא עַל יְדוֹי דְּדוּמָה ונמנה בהכתב הממונה על ידי דומה להיות נמנה בין שאר הצדיקים, אָמַר רַבִּי יִצְחָק, הָכִי גְּמִירְנָא כָּל אִינּוּן דִּכְתִיבִין בִּידוֹי דְּדוּמָה וּמְמַנָּן עַל יְדוֹי כך למדנו שכל אותם הכתובים בידו של דומה וממונים על ידו, יְקוּמוּן לִזְמְנָא דְּזַמִּין לְאַחֲיָא דָּיְירֵי עַפְרָא יקומו לזמן שעתיד הקב"ה להחיות את שוכני העפר, וַוי לְהוֹן לְרַשִׁיעַיָּא דְּלָא כְּתִיבִין עַל יְדוֹי בְּפִתְקָא אוי להם לרשעים שאינם כתובים על ידו בכתב שלו, (דף קכג ע"ב בתוספתא, ובביאורינו כרך ג עמ' טו-יח)

## אברהם ראה את אורות נפשות אדם וחוה במערת המכפלה

רַבִּי יְהוּדָה אָמַר בא לבאר למה בחר אברהם את מערת המכפלה למקום קבורה לו ולאשתו, ואמר כי אַבְרָהָם יָדַע בְּהַהִיא מְעַרְתָּא סִימָנָא אברהם היה יודע סימן במערת המכפלה ששם יהיה מקום קבורתו, וְלִבֵּיהּ וּרְעוּתֵיהּ תַּמָּן הֲוָה ולבו ורצונו היה להקבר שם, בְּגִין דְּמִקַּדְמַת דְּנָא עָאל לְתַמָּן לפי שמקודם כבר נכנס לשם ביום השלישי למילתו כמבואר לקמן, וְחָמָא לְאָדָם וְחַוָּה טְמִירִין תַּמָּן וראה שם את אדם וחוה טמונים שם, וּמְנָא הֲוָה יָדַע דְּאִינּוּן הֲווֹ ומנין היה יודע שאלו הציונים שהיו שם היו של אדם וחוה, אֶלָּא חָמָא דְּיוֹקְנֵיהּ וְאִסְתַּכַּל אלא שראה צורתו של אדם הראשון ר"ל ראה את נפשו השורה בקבר על העצמות והתבונן בה, וְאִתְפַּתַּח לֵיהּ חַד פִּתְחָא דְּגִנְתָּא דְּעֵדֶן תַּמָּן ונפתח לו שם פתח אחד של הגן עדן, וְהַהוּא דְּיוֹקְנָא דְּאָדָם הֲוָה קָאֵים לְגַבֵּיהּ ואותה הצורה של אדם היתה

ע"ט

גֶעזָאגְט, קוּם אוּן זֶע, דָאס וָואס עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק "וַיִּשְׁמַע אַבְרָהָם אֶל עֶפְרוֹן, וַיִּשְׁקֹל אַבְרָהָם לְעֶפְרוֹן אֶת הַכֶּסֶף", דָאס מֵיינְט מֶען דֶעם גְרוֹיסְן גְלוּסְטֶענִישׁ אוּן פַארְגֶענִיגְן פוּן יֶענֶע גְלוּסְטִיגֶע וֶועלְטְן, "אַרְבַּע מֵאוֹת שֶׁקֶל כֶּסֶף" דָאס מֵיינְט דִי פִיר הוּנְדֶערְט וֶועלְטְן אוּן פַארְגֶעניגְנְס אוּן גְלוּסְטִיגְקֵייטְן. אוּן דָאס וָואס עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק "עֹבֵר לַסֹּחֵר", הָאט רַב נַחְמָן גֶעזָאגְט, אַז דֶער צַדִּיק וֶועט דוּרְכְגֵיין אַלֶע טוֹיעֶרְן פוּן הִימְל אוּן יְרוּשָׁלַיִם שֶׁל מַעְלָה אוּן קֵיינֶער וֶועט אִים נִישְׁט אָפְּהַאלְטְן, קוּם אוּן זֶע וָואס עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק "וְאַחֲרֵי כֵן קָבַר אַבְרָהָם", דֶערְנָאךְ הָאט אַבְרָהָם וָואס דָאס אִיז דִי נְשָׁמָה, בַּאגְרָאבְן "אֶת שָׂרָה אִשְׁתּוֹ", דָאס אִיז דֶער גוּף וָואס וֶוערְט אָנְגֶערוּפְן שָׂרָה, אוּן דָאס אִיז אַזוֹי וִוי דִי וֶוערְטֶער פוּן רַבִּי חִיָּיא אַז דִי נְשָׁמָה זָארְגְט אַז דֶער גוּף זָאל גֶעצֵיילְט וֶוערְן מִיט דִי אַנְדֶערֶע צַדִּיקִים אִין זֵייעֶר חֲבוּרָה, אוּן עֶר זָאל גֶעצֵיילְט וֶוערְן אִינֶעם שְׁרִיפְט וָואס אִיז אִיבֶּערְגֶעגֶעבְן בַּיי דוּמָה אַז עֶר זָאל גֶעצֵיילְט וֶוערְן צְווִישְׁן דִי אַנְדֶערֶע צַדִּיקִים, הָאט רַבִּי יִצְחָק גֶעזָאגְט, אַזוֹי הָאבְן מִיר גֶעלֶערְנְט, אַז אַלֶע וֶועלְכֶע זֶענֶען גֶעשְׁרִיבְן מִיטְן הַאנְט פוּן דוּמָה אוּן אִיבֶּערְגֶעגֶעבְן דוּרְךְ אִים, וֶועלְן אוֹיפְשְׁטֵיין צוּ דֶער צַייט וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז אָנְגֶעגְרֵייט אוֹיפְצוּלֶעבְן אַלֶע וָואס רוּעֶן אִין דֶער עֶרְד, וַויי פַאר דִי רְשָׁעִים וֶועלְכֶע זֶענֶען נִישְׁט גֶעשְׁרִיבְן בַּיי אִים אִין זַיין שְׁרִיפְט.

### אַבְרָהָם הָאט גֶעזֶען דִי אוֹרוֹת פוּן דִי נְפָשׁוֹת פוּן אָדָם אוּן חַוָּה אִינֶעם מְעָרַת הַמַּכְפֵּלָה

רַבִּי יְהוּדָה עֶרְקְלֶערְט פַארְוָואס אַבְרָהָם הָאט אוֹיסְגֶעוֶועלְט אִינֶעם מְעָרַת הַמַּכְפֵּלָה אַלְס בַּאגְרֶעבוּנְגְס אָרְט פַאר אִים אוּן פַאר זַיין וַוייבּ, אוּן עֶר זָאגְט אַז אַבְרָהָם הָאט גֶעוואוּסְט אַ סִימָן אִינֶעם מְעָרַת הַמַּכְפֵּלָה אַז דָארְט וֶועט זַיין דֶער אָרְט פוּן זַיין קֶבֶר, אוּן זַיין הַארְץ אוּן ווִילְן אִיז גֶעוֶוען דָארְט צוּ וֶוערְן בַּאגְרָאבְן, וַוייל עֶר אִיז שׁוֹין פְּרִיעֶר אַרַיינְגֶעגַאנְגֶען דָארְט, אִינֶעם דְרִיטְן טָאג פוּן זַיין בְּרִית מִילָה אַזוֹי וִוי עֶס וֶועט וַוייטֶער עֶרְקְלֶערְט וֶוערְן, אוּן עֶר הָאט דָארְט גֶעזֶען אָדָם אוּן חַוָּה בַּאהַאלְטְן, אוּן פוּן וואוּ הָאט עֶר גֶעוואוּסְט אַז דִי צִיּוּנִים וָואס זֶענֶען דָארְט זֶענֶען פוּן אָדָם אוּן חַוָּה, נָאר עֶר הָאט גֶעזֶען דֶעם גֶעשְׁטַאלְט פוּן אָדָם הָרִאשׁוֹן, דָאס הֵייסְט אַז עֶר הָאט גֶעזֶען זַיין זֶעל וֶועלְכֶע רוּט אִין קֵבֶר אִיבֶּער דִי בֵּיינֶער אוּן עֶר הָאט אַרַיינְגֶעקוּקְט דֶערִין, אוּן עֶס הָאט זִיךְ דָארְט גֶעעֶפֶּנְט פַאר

עומדת אצלו בפתח הג״ע, והכיר שהנפש שעל הקבר היא נפשו של אדה״ר, ולכן חמד לו את המערה ההיא לקבורתו ולשרה אשתו.

**וְתָא חֲזֵי כָּל מַאן דְּאִסְתַּכַּל בְּדִיוֹקְנָא דְּאָדָם לָא אִשְׁתְּזִיב לְעָלְמִין מִמִּיתָה** בא וראה כל מי ששוכב על ערש דוי ורואה את צורתו של אדה״ר לפניו זה מורה שלא ינצל ממיתה, **בְּגִין דְּהָא בְּשַׁעְתָּא דְּבַר נָשׁ אִסְתַּלַּק מֵעָלְמָא חֲמֵי לֵיהּ לְאָדָם וּבְהַהוּא זִמְנָא מִית** לפי שבשעה שאדם מסתלק מן העולם רואה לאדם הראשון ואז הוא מת, **אֲבָל אַבְרָהָם אִסְתַּכַּל בֵּיהּ וְחָמָא דְיוֹקְנֵיהּ וְאִתְקַיַּים** אבל אברהם הסתכל בו וראה את צורתו ונתקיים, **וְחָמָא נְהוֹרָא דְּנָהִיר בִּמְעַרְתָּא** וראה אור אחד שמאיר במערה מצד נפשו של אדם, **וְחַד שְׁרָגָא דָּלִיק** ונר אחד דולק מצד נפשה של חוה, (אי נמי שראה את אור השכינה ששרתה שם במערה, כמבואר לקמן בע״ב), **כְּדֵין תָּאִיב אַבְרָהָם דִּיוּרֵיהּ בְּהַהוּא אֲתַר** אז חמד אברהם דירת מקום קבורתו באותו המקום, **וְלִבֵּיהּ וּרְעוּתֵיהּ הֲוָה תָּדִיר בִּמְעַרְתָּא** ולבו ורצונו היה תמיד באותה המערה. (דף קכז ע״א, ובביאורינו כרך ג עמ׳ לז–לח)

**ע״ט**

אִים אַ טִיר פוּנֶעם גַּן עֵדֶן, און יֶענֶעם גֶעשְׁטַאלְט פוּן אָדָם אִיז גֶעשְׁטַאנֶען נֶעבְּן אִים בַּיים טִיר פוּן גַּן עֵדֶן, און עֶר הָאט דֶערְקֶענְט אַז דֶער זֶעל אִיבֶּערְן קֶבֶר אִיז דֶער זֶעל פוּן אָדָם הָרִאשׁוֹן, דֶערִיבֶּער הָאט עֶר גֶעגְלוּסְט דֶעם הֵייל אַז עֶר מִיט זַיין וַוייבּ שָׂרָה זָאלְן דָארְט בַּאגְרָאבְּן וֶוערְן.

**קוּם** און זֶע, יֶעדֶער אֵיינֶער וועלְכֶער לִיגְט אוֹיפְן קְרַאנְקְן בֶּעט און עֶר זֶעט דֶעם גֶעשְׁטַאלְט פוּן אָדָם הָרִאשׁוֹן פַאר אִים, וַוייזְט דָאס אַז עֶר וֶועט נִישְׁט גֶערַאטֶעוֶועט וֶוערְן פוּן טוּיט, וַוייל אִינְדֶערְצַייט וָואס דֶער מֶענְטְשׁ גֵייט אַוֶועק פוּן דֶער וֶועלְט זֶעט עֶר אָדָם הָרִאשׁוֹן און דֶעמָאלְטְס שְׁטַארְבְּט עֶר, אָבֶּער אַבְרָהָם הָאט גֶעקוּקְט אוֹיף אִים און עֶר הָאט גֶעזֶען זַיין גֶעשְׁטַאלְט און אִיז טְרָאצְדֶעם גֶעבְּלִיבְּן לֶעבְּן, און עֶר הָאט גֶעזֶען אַ לִיכְטִיגְקַייט וָואס לַייכְט אִינֶעם הֵייל פוּן דֶער זַייט פוּנֶעם זֶעל פוּן אָדָם, און אַ לִיכְט בְּרֶענְט פוּן דִי זַייט פוּנֶעם זֶעל פוּן חַוָּה (אָדֶער מֵיינְט עֶס אַז עֶר הָאט גֶעזֶען דִי לִיכְטִיגְקַייט פוּן דִי שְׁכִינָה וֶועלְכֶע הָאט גערוט דָארְט אֵיינֶעם הֵייל, אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט וַוייטֶער אִין זוֹהַר הַקָּדוֹשׁ), דֶעמָאלְטְס הָאט אַבְרָהָם גֶעגְלוּסְט אַז עֶר זָאל בַּאגְרָאבְּן וֶוערְן דָארְט, און זַיין הַארְץ און ווִילְן אִיז שְׁטֶענְדִיג גֶעוֶוען אִין יֶענֶעם הֵייל.

**שבת דא שירתא**

## על לימוד הזוהר אין שום הגבלות

**אמר הגאון הצדיק רבי שלמה בלוך זצ״ל משם רבו החפץ חיים זצ״ל שעל לימוד ספר הזוהר אין שום הגבלה כי רובו מדרש והיה החפץ חיים מעורר לכולם שילמדו כל שבת את הזוהר של אותה פרשה ואפילו לבחורים.**

(הוספות בנין יוסף, פוז׳ין)



הזֹהַר הַקָּדוֹשׁ" ע״פ "מָתוֹק מִדְּבָשׁ" הפירוש הנפלא שהתקבל בכל תפוצות ישראל


קלענערע סעט - מהדורת ר׳ הערשל וועבער [In 7/5]


גרויסע סעט (In 9.5/6.5)


"ובלכתך בדרך" פארמאט 70 כרכים מהדורת ר׳ יוסף צבי בערגער (6.5/4.5 In)

פאר דעליווערי רופט: 732.677.0051